NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11948

MAYSELEKH

David Roykhel

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-11948-2

9780657119485T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

13/11040

ד. רויכל

מייטנלאך



קאאפ. פארלאג
קולטור-ליגצ -
קיצוו

ד. רויכל

מייסעלאַך

— לויט אַפאַנאַסיעוו, דאַל, און אַנד.

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“
קיעוו — 1922

אילוסטרירט—מ. עפשטיין

פראָפטעכנישע פּאָליגראַפישע שול
קיעוו, קרעשט. 16 באַשט. 168. ע. צ

ד א ס ה ע ז ע ל ע,

האז און שטעכלער.

פ ו ק ס א ו ן ה א ז.

ה א ז א ו ן ל ײ ב.

הילצערנע העזעלע.

דאס העזעלע האב איך אליין אין כאלעם געזעען — אזא ווייסינקס, מיט וואנסעלאך. א גאנץ פאשעט העזעלע. איר האט עס, מיסטאמע, אויך געזעען. אין יאטקע, אפן מארק, צי אין ביכל אן אויסגעמאלטס. איך האב עס אבער אין וואלד געזעען און אין וואלד לויפט א העזעלע אזא ארום — די לאפקעלאך מיט נעגעלאך, ווי בערשטעלאך, דאס עקל, ווי א קניילעכל. און אט וועגן אזא העזעלע וועל איך אייך מייסעלאך דערציילן.

האָז און שטעכלער

לויפט האז איבערן פעלד און באגעגנט א שטעכ-
לער. א שטעכלער, ווי אלע שטעכלער—די שטעכלקעס
אופגעשטעלט, אין א קניילעכן צונויפגעדרייט, קאפּ
און פיס באהאלטן—ליגט עס זיך, טו אים עפּעס.
זאגט דער האז:
—שטעכלער, שטעכלער, דו געפעלסט מיר. קום,
לאָמיר זיך א ביסל שפּילן.
דערהערט דער שטעכלער, אז ס'איז א האז,
שטעקט ער זיין קאפּ ארויס און זאגט: —גוט.
—נו, לאמיר זיך שפּילן אין איבעריאגערלאך. נאר
גיי, קאָנסט דען לויפן, דו מיט דיינע קרומע, אויסגע-
דרייטע פיס.
ווערט דער שטעכלער אין קאס:
— לאַך, לאַך, און איך זאג דיר, אז איך מיט מיי-
נע קרומע פיס וועל גיכער לויפן פון דיר. אט וועל
איך נאר אף א ווײלע א היים גיין, און נאכדעם וועלן
מיר זעען, ווער ס'קאן בעסער לויפן.
גייט שטעכלער א היים און זאָגט דעם ווייב:

—איך האב זיך היינט מיטן האז פארוועט; מיר ווילן זעען ווער וועמען ס'וועט איבעריאגן.

רופט זיך אן דאס ווייב:

—ביסט פון זינען אראפּ, צי וואס! וואס הייסט דו און דער האז? ער יאגט ווי א וויכער, און דו מיט דיינע קרומע פיס, ביז דו וועסט א פיס שטעלן, וועט ער שוין אנשפארן ווייס איך וואו.

—עט.—זאגט דער שטעכלער,—ער איז טאקע א לויפער, אבער סייכל האב איך. דו, זע, טו נאר, וואס איך וועל דיר הייסן. טו זיך אן און קום אין פעלד אריין.

און אט גייען זיי, דער שטעכלער מיט זיין ווייב, און קומען צום האז אף א געאקערט פעלד ארויס זאגט דער שטעכלער דעם ווייב:

—דו באהאלט זיך דא, צווישן אקער, אף דער זייט פעלד, און איך מיטן האז וועלן זיך לאזן לויפן פון יענער זייט; ווי נאר ער וועט זיך צעלויפן, וועל איך זיך אומקערן צוריק; און ווי נאר ער וועט צולויפן צו דיין עק, גיי ארויס און זאג: „און איך ווארט שוין אף דיר". ער וועט דיך ניט דערקענען און וועט מיינען, אז דאס בין איך.

דעם שטעכלערס ווייב האט זיך באהאלטן, און דער שטעכלער מיטן האז האבן זיך געלאזט לויפן פון דער אנדערער זייט פעלד.

ווי נאר דער האז איז זיך צעלאפן, האט זיך דער שטעכלער אומגעקערט צוריק און זיך באהאלטן אין אקער. דער האז לויפט מיט אימפעט, לויפט און קומט

צעלויפן אף יענער זייט פעלד: זע!—דעם שטעכלערס ווייב זיצט שוין דארט. זי דערזעט דעם האז און זאָגט:

—און איךווארט שוין אף דיר!

דער האז האט זי ניט דערקענט, געמיינט, אז דאס איז דער שטעכלער, און טראכט:—

—וואס איז דאס? שטעכלער מיט די קרומע פיס און זאל מיך איבעריאגן!

—נו—, זאגט ער—, לאָמיר נאָך א מאל לויפן.

—גוט!

לאזט זיך דער האז ווידער לויפן, קומט צו לויפן: און זע!—דער שטעכלער זיצט און שמייכלט:

—ע, ברודערל, דאָס הייסט בא דיר געלאפן? און איך ווארט שוין אף דיר פון לאנג!

—וואס איז דאס פאר א מין!—טראכט זיך דער האַז,—איך בין דאכט זיך געלאָפן מיטן גאנצן אימפעט, און ער האָט מיך פאָרט איבערגעיאָגט.

— נו, לאָמיר נאָך איינמאָל לויפֿן; איצט וועסטו מיך שוין ניט איבעריאגן.

— לאָמיר לויפֿן.

דער האז, אז ער גיט דאס א לאף, קאָם מיטן אויג אנצוזעען. ער ק־מט צולויפֿן: זע! — דער שטעכלער זיצט און ווארט שוין אף אים.



און דער האז לויפט און לויפט פֿון איין עק פעלד ביזן אנדערן און אלע מאל דאס אייגענע. דער שטעכ־לער זיצט און ווארט אף אים.

האט זיך דער האז אונטערגעגעבן און פארזאגט אַיצענטן מער מיט קיין שטעכלערס זיך ניט וועטן און אין קיין איבער־יאגערלאך ניט שפּילן.

פוקס און האָז

אַמאָל איז געווען אַ פוקס מיט אַ האָז. קלייַבט זיך האָז צווייגל צו צווייגעלע צונויף און בויט זיך אַ הייזעלע אויס: דעם דאַך מיט מאָך באַדעקט און די פאָדלאָגע מיט פריש היי אויסגעבעט. פוקס, ווידער, האָט זיך געפוילט, איז אַז ס'איז געקומען דער ווינ־טער, האָט ער ווי עס איז שטיקלאַך אייז צונויפגע־שלעפּט און אַף גיך פאַר זיך אַ הייזעלע אופגע־שטעלט.

וואוינען זיי זיך ביידע אין וואלד: פיקסל אין א הייזל פון אייז און האז—פון האלץ.

קומט דער פרילינג: די זון הויבט אן ווארימען, דאָס אייז צוגייט, און פיקסל בלייבט אין דרויסן. לויפט פוקס איבערן וואַלד אַרום, זוכט אַן אָרט וואו אויסצובאַהאַלטן זיך און איבערצונעכטיקן. לויפט ער און לויפט און דערזעט: שטייט זיך אין מיטן וואלד א שטיבעלע פון האלץ, טיר און פענסטער מיט מאך באדעקט, די שייבעלאך אף דער זון בלאנקען, און אינעווייניק, אינם שטיבעלע, טאנצט עמיצער אַרום. שאַרט זיך פוקס פאַמעלעכן צו און קלאַפּט אָן:



קליפ־קלאפ
אין גאלדן טיר,

ליבער. שאכן,
עפן מיר.

אין וואלד
איז קאלט.
ניטא, וואו זיך אנצואווארימען—
ניטא ווער ס'זאל זיך דערבארימען!...

האט האז אף אים ראכמאנעס און לאזט אים אריין.

ווי פוקס איז גאר אין שטיבעלע אריין, כאפט ער א שטעקן און יאגט העזעלען פון דארט ארויס.

גייט האז איבערן וואַלד און וויינט. באגעגנט אים א הונט.

—האוו־האוו־האוו! וואס וויינסטו, העזעלע?

—ווי זאל איך ניט וויינען. אז געהאט האב איך א הייזעלע פון האלץ, און פיקסל—פון אייז, האט ער זיך באַ מיר געבעטן אנווארימען זיך, איז מיך האט ער ארויסגעטריבן און אליין אין הייזעלע פארבליבן.

—וויין נישט, העזעלע, קום, מיר וועלן אים פון דארט ארויסטרייבן.

גייען זיי ביידע און קומען צום הייזעלע צו.

—האוו־האוו־האוו! פיקסל־מיקסל ארויס פון דאנעט!

און פיקסל פון אויוון אראפ, אז ער צושרייט זיך דאס אף אַ קאל:

—אט אז איך וועל א שפרונג־טאן, אט אז איך וועל א יאג־טאן, וועלן נעמען פליען פיצלאך, שטיקלאך—קיין געביין וועט פון אייך ניט פארבלייבן. אוועקט!

האט זיך הינטל דערשראקן און איז אנטלאפן.

גייט זיך העזעלע ווידער איבערן וואלד און וויינט. באגעגנט אים א בער.

—בו, בו, בו! וואס וויינסטו, העזעלע?



—ווי זאל איך ניט וויינען, אז געהאט האב איך אהייזעלע פון האלץ, און פיקסל — פון אייז. האט ער זיך געבעטן בא מיר אנווארימען זיך. איז מיך האט ער ארויסגעטריבן און אליין אין הייזעלע פארבליבן.



—וויין נישט, העזעלע, קום, איך וועל אים פון דארט ארויסטרייבן.

—ניין, דו וועסט אים פון דארט ניט ארויסטרייבן.

—גיין, איך וועל אים יא ארויסטרייבן.

גייען זיי ביידע און קומען צום הייזעלע צו.

—בו, בו, בו! פיקסל־מיקסל, ארויס פון דאנעט!

און פיקסל פון אויוון אראפּ, אז ער צושרייט זיך דאס אף א קאל:

—אט אַז איך וועל א לויף־טאן, אָט אַז איך וועל א יאג־טאן, וועלן נעמען פליען פּיצלאך, שטיקלאך—קיין געביין וועט פון אייך ניט בלייבן.

האָט זיך בער דערשראָקן און גענומען שטעלן פיס—קאָם מיטן אויג אנצוזעען.

בלייבט העזעלע ווידער אליין. גייט ער איבערן וואלד און וויינט.

באגעגנט אים אקס־שטויסער.

—וואס וויינסטו, העזעלע?

—ווי זאל איך ניט וויינען, אז געהאט האב איך א הייזעלע פון האָלץ, און פיקסל—פון אייז. האט ער זיך בא מיר געבעטן אנווארימען זיך. איז מיך האט ער ארויסגעטריבן און אַליין אין הייזעלע פאַרבליבן.

און וויינט.

—וויין ניט, העזעלע, קום, איך וועל אים דיר פון דארט ארויסטרייבן.

—ניין, אָקס, וועסט אים ניט ארויסטרייבן. הינטל האט געטריבן און ניט ארויסגעטריבן, בער האט געטריבן—און ניט ארויסגעטריבן. און דו וועסט אים אַוודע ניט אַרויסטרייבן.

—ניין, איך וועל אים יאָ אַרויסטרייבן.

גייען זיי ביידע און קומען צום הייזעלע צו.

—מו, מו, מו! פיקסל-מיקסל, ארויס פון דאנעט.



און יענער פון אויוון אראפּ, אַז ער צושרייט זיך דאס אף אַ קאל.

—אט, אז איך וועל א לויף טאן, אט אז איך וועל א יאג זיך טאן, וועלן נעמען פליען פּיצלאך, שטיק־לאך—קיין געביין וועט פון אַייך ניט בלייבן.

האט זיך אקס דערשראקן און איז קאָם מיטן לעבן אוועק.

גייט העזעלע ווידער אמאל איבערן וואַלד און וויינט. גייט ער און גייט און באַגעגנט הענדל־קרייער,

ווי ער גייט פון דער ארבעט און טראָגט אַ קאָסע אױף די פלייצעס.

— וואָס איז, העזעלע, וואָס ווייניסטו עפּעס?

— ווי זאָל איך ניט וויינען, אז געהאט האָב איך א הייזעלע פון האָלץ, און פּיקסל — פון אייז. האָט ער זיך באַ מיר געבעטן אַנוואָרימעז זיך, איז מיך האָט ער אַרויסגעטריבן, און אליין איז ער דאָרט פאַרבליבן.

און וויינט.

— קום, — זאָגט הענדל, — איך וועל אים ארויסטרייבן.

— ניין, דו וועסט אים ניט ארויסטרייבן. הינטל האָט געטריבן און ניט ארויסגעטריבן, אָקס האט געטריבן און ניט ארויסגעטריבן. און דו וועסט אים אויך ניט ארויסטרייבן.

— און איך וועל אים זעען אַרויסטרייבן.

גייען זיי ביידע און קומען צום הייזעלע צו.

קוקורעקו!
איך בין שוין ווידער דאָ!
איך טראָג אַ קאָסע אױף די פלייצעס,
איך וועל פּיקסלען צעשניידן —
וועלן פליען פּיצלאַך, שטיקלאַך,
קיין געביין פון אים ניט בלייבן!
— פּיקסל־מיקסל, ארויס פון דאַנעט!

אז פּיקסל האָט דאָס דערהערט, איז ער פון אויוון אראָפּגעשפּרונגען, געוואָלט זעען, וואס פאַר אַ כאַיע

איז דאָס געקומען. הענדל האָט אים גלייך מיט דער קאָסע דערלאַנגט און געטויט.

— פון דעמאָלט אָן וואוינען זיי ביידע אין הייזעלע. הענדל זינגט לידער און העזעלע טאַנצט-צו. און אין פּיקסלען האָבן זיי גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן.



האז און לייב.

באַגעגנט אַ מאָל דער לייב אַ האָז און וויל אים אופעסן:

זאָגט דער האָז:

— וואַרט, לייב! צו וואָס זאָלסטו מיך אופעסן, אַזאַ קליינעם, דאַרן האָז? אָט וועל איך דיר בעסער ווייזן אן אנדער כאַיע; זי איז צען מאָל גרעסער און

פעטער פון מיר. איך ווייס נאָר ניט, צי דו וועסט זי קאָנען בייקומען!

—וואס, איך? איך וועל זי ניט בייקומען? ס'איז דען דאָ אַזאַ כאַיע, וואָס איך זאָל זי ניט בייקומען? פיר מיך גלייך צו דער דאָזיקער כאַיע!

—זע, לייב, היט זיך, דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ כאַיע דאָס איז. די דאָזיקע כאַיע וואוינט אין ברונים.

—פיר מיך צו דער דאָזיקער כאַיע. אַ ניט עס איך דיך אוף.

פירט דער האָז דעם לייב צום ברונים. קוקט דער לייב אין ברונים אַריין און דערזעט דאָרט זיין איי־גענעם קאָפּ.

זאָגט דער האָז:

—זעסט, ס'אַראַ שרעקלעכע כאַיע דאָס איז. פאָלג מיך, לייב, און שטיי בעסער דאָ און שפּרינג ניט אין ברונים אַריין, אַ ניט וועט זי דיך נאָך צורייסן.

—וואָס? מיינסט טאַקע, אַז איך האָב מוירע פאַר איר? אָט וועל איך דיר וויזן!

—אָי, לייב, שפּרינג ניט!

דער האָז האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענדיקן, אַז דער לייב — אַ שפּרונג אין ברונים אַריין און איז דאָרט פאַרבליבן.

זיצט זיך דער לייב אינם ברונים און קאָן פון דאָרט ניט אַרויס. און אין דערהיים וואַרט אף אים די לייבעכע און קאָן זיך ניט דערוואַרטן. גייט אַלע מאָל

פון דער הייל אַרויס, קוקט אַף אַלע זייטן און—ניטאָ, ער קומט ניט, דער לייב.

פלוצלונג קומט אָן דער האָז.

—גוטן אָוונט, מומעשי! איך האָב דיר פונם פעטער אַ גרוס געבראַכט—ער איז עפעס ניט מיט אַלעמען. מיר האָבן זיך היינט צעווערטלט מיט אים. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און מיר האָבן זיך צעפּאַטשט—נו, האָט ער דאָס פון מיר געכאַפּט. ער וועט דאָס האָבן צוגעדיינקען.

ווערט די לייבעכע אין קאַס און וויל דעם האָז, דעם באַרימער, אופּעסן. און דער האָז, אַז ער נעמט דאָס שטעלן פיס—קאָם מיטן אויג אָנצווזען.

דער האָז ווייסט אַזאַ אָרט, אַ שמאָלן פעלזןשפּאַלט—אַריין איז גרינג, און אַרויס פון דאָרט קאָן מען ניט: לויפט ער, דער האָז, גלייך אַהין, צום פעלזןשפּאַלט, און די לייבעכע—גלייך נאָך אים.

קומען זיי צום פעלזן־שפּאַלט און דער האָז—האָפּ—האָפּ!—און איז שוין פון יענער זייט. די לייבעכע גיט מיטן גאַנצן אימפּעט אַ לאָף נאָך אים—און בלייבט שטעקן אין דעם שמאָלן פעלזן־שפּאַלט. ניט אַהין און ניט צוריק—און איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

און דאָס מייסעלע איז אויס.

דאָס הילצערנע העזעלע

איז אַ מאָל געווען
אַ העזעלע פון האָלץ,
מיט אייגעלאך גראָאינקע.
מיט אייגעלאַך פון גלאָז.
אין יעדער האַנט אַ שטעקעלע
אַ שטעקעלע אַ געטאָקטס—



פויקט זיך דאָס אין פייקעלע,
אין פייקעלע זיך פייקט.

און דאָס פּייקלדיקע פּייקעלע
פּייק'ט זיך און פּייקלט
רופט קינדערלאַך צונויף·
קונדייסימלאַך צו זיך·

קומט צוגיין אַ כעוורעמאַן
מיט טאַצן מעשענע אַ פּאָר,
מיט גלעקער אַ באַהאַנגענער
און מיט אַ קוויטשיק קאָל.

הויבט ער אן צו אַרבעטן
מיט די טאַצן און די גלעקער,
נעמען זיך די קינדערלאַך
און גייען אַ קאַראַהאָד·

אַ אינגעלע· אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע, אַ איגגעלע
לאָמיר אינאיינעם
גיין טאַנצן--

און נאָכאמאָל און נאָכאַמאָל
אוןווידעראַמאָל אַזוי,

טאַנצן מיר און שפּרינגען מיר
מיט העזעלע אין קאָן.

בייזערט זיך דער כעווערעמאַן
און וויל דאס גארניט ליידן.
זשומזשעט ער מיט טאַצן
און קלינגלט מיטן גלאָק:

און כאפּט אַזוי אַ שטעקן,
אַ שטעקן אַזאַ לאַנגען.
דערלאַנגט מיט אים דאָס העזעלע—
דאָס העזעלע פון האָלץ.

אַראָפּגעפאַלן איז העזעלע
מיטי פּייקעלע פון טיש,
צעבראָכן זיך אַף שטיקלאַך
דאָס העזעלע פון האָלץ.

דערשרעקן זיך די קינדערלאַך
און צעלויפן זיך מיט געוויין—
פרייט זיך דאָס דער כעווערעמאַן
און קוויטשעט אַף אַ קאָל.

— — — — — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי איז געווען אַמאָל
אַ העזעלע פון האָלץ,
מיט אייגעלאַך גראָאינקע,
מיט אייגעלאַך פון גלאָז.

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע"

קיעוו — [illegible]